# חינוך געדאנקען

דורך הרב ל.י. גרינבערג

מגן ומושיע

צו פארמיידן און צו העלפן בעניני חינוך • To prevent and to help

פרשת פקודי

שבת מברכים אדר ב'

כ"ח אדר א' תשע"ד

גליון כ"ב


## וויאזוי קענען מיר מחנך זיין אונזערע קינד אהן אנגעצויגענקייט?

**די וואך וועלן מיר** רעדן וועגן אן ענין וואס איז פאסיג פאר חודש אדר ווען מען איז מרבין בשמחה. דער נושא וואס מיר וועלן רעדן וועט ברענגען א שמחה אין אידישע שטיבער. עס שטייט די וואך אין די פרשה, ויביאו את המשכן אל משה. ברענגט אויף דעם רש"י פון מדרש, אז די אידן האבן פרובירט אויפצושטעלן דעם משכן אבער זיי האבן נישט געקענט, זענען זיי געקומען צו משה רבינו. האט משה געזאגט פאר'ן אויבערשטער אז ער קען אויך נישט אויף שטעלן די משכן. האט אים דער אויבערשטער געענטפערט, "עסוק אתה בידך, נראה כמקימו והוא נזקף וקם מאליו – דו פרוביר נאר אויפצוהייבן דעם משכן און איך וועל דיר העלפן אזוי אז עס וועט זיך אויפהייבן פון זיך אליין." פון דעם מדרש לערנען מיר זיך א געוואלדיגע מוסר השכל. מיר דארפן שטענדיג געדענקן אז מיר פרובירן נאר צו ארבעטן מיט אונזערע שוואכע כוחות, אבער באמת איז עס דער אויבערשטער וואס טוט אלעס.

דער געדאנק איז שטארק נוגע ביי עניני חינוך. איך האב אמאל באהאנדלט א קעיס פון א חשוב'ע פארפאלק, וואס האבן באמת אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות צו מחנך זיין די קינדער. אבער ליידער האט זיך געמאכט אז זייער בחור האט אנגעהויבן גליטשן. ער דרייט זיך מיט שלעכטע חברים ביז שפעט ביינאכט, ער איז אריינגעטון ראשו ורובו אין די טעכנאלאגישע כלים אא"וו. אין אנהויב האב איך פרובירט אויסצופרעגן די עלטערן ווי אזוי זיי זענען מחנך די קינדער, טראכטנדיג אז אפשר טוען זיי עפעס נישט ריכטיג. אבער למעשה האב איך געזען אז זיי גיבן גאר א גוטער חינוך. איך האב אנגעהויבן טראכטן אז אפשר האט דער בחור עפעס א פיזישער אדער גייסטישער פראבלעם, אפשר ליידט ער פון דיסלעקסיע וכדו'. אבער מיר זענען דאס אלעס דורכגעגאנגען און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער בחור איז געזונט און שטארק. עס פעלט אים גארנישט. די עלטערן זענען זייער צובראכן ביז די טיפענישן פון זייער נשמה, און איך בין געזעצן און געטראכט מיט וואס איך קען זיי מחזק זיין אדער מייעץ זיין.

נישט וויסנדיג וואס צו זאגן האב איך זיי דערציילט א געשעעניש וואס איז פארגעקומען מיט מיר אין יענעם זעלבע טאג. עס איז געווען זומער דעמאלט און איך בין געווען אויף די בערג. און עס איז דאנסמאהל פארגעקומען אן אסיפת מחנכים וואו מען האט מיר געלאדנט צו אנטייל נעמען. אזוי ווי עס איז געווען א ווייטע וועג צו פארן ביז די אסיפה האט מען מיר צוגעשטעלט א דרייווער וועלכער האט מיר געזאלט אהינטראגן און אהיימברענגען נאך די אסיפה. דער דרייווער האט מיר טאקע אהינגעפירט. אבער אינמיטן די אסיפה איז ער צוגעקומען צו מיר און אריינגערוימט אין אויער אז עס האט זיך געמאכט אן עמערזשענסי מיט זיין טאטן און ער מוז לויפן. נישט האבנדיג קיין ברירה האב איך אים געהייסן גיין און זיך פארלאזט אז איך וועל שוין טרעפן א וועג אהיים.

נאך די אסיפה האב איך אנגעהויבן זוכן א רייד אהיים, אבער צו מיין באדויערן האב איך נישט געקענט טרעפן. נאך א שעה צייט האב איך פונקט אנגעטראפן איינעם וועלכער האט מיר געפרעגט וואו איך דארף גיין. און ווען איך האב אים געענטפערט האט ער מיר געזאגט אז ער גייט פונקט אהין. איך האב זיך זייער געפרייט, מיר האבן זיך אריינגעזעצט אין קאר און אנגעהויבן פארן. אינמיטן וועג האב איך געזען אז איך דערקען נישט די גאסן. איך האב אים אנגעהויבן אויספרעגן וואו ער פארט, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט נישט ריכטיג געהערט, באמת פארט ער אין גאנץ אן אנדער ריכטונג. ער האט גלייך זיך אנגעטראגן זיך אויסצודרייען און מיר צופירן צו מיין וואוינארט, אבער מיר האט דאס זייער פארדראסן אז איך בין אים מטריח. זעענדיג אז איך בין אומבאקוועם האט ער אנגעהויבן רעדן ווי אזוי אלעס איז באשערט פון הימל און אזוי ווייטער.

אזוי שמועסנדיג האט ער מיר דערציילט אן אינטערעסאנטע מעשה וואס ער האט געהאט. ער איז א מלמד, און פונקט נעכטן האט ער געהאט גאר שווערע טאג. יעדע זאך איז אים געגאנגען מיט'ן פיטום אראפ. ווען עס איז געקומען סוף טאג איז ער געווען זייער צובראכן און ער האט זיך נישט געקענט מחזק זיין. גייענדיג אין בית המדרש צו מנחה, האט ער געטראפן אויפ'ן טיש א בלעטל. ער האט אנגעהויבן ליינען, און ער האט געזען דארט א תורה פון הרב פאם זצ"ל אויף דעם ענין פון מסית ומדיח, וואס מען זעט אין די תורה אז לא תחוס עינך עליו, און מען מוז זוכן אלע מיטלען אים צו אומברענגען. זאגט הרב פאם, לכאורה איז דאך נישט געלונגען פאר דעם מסית ומדיח איבערצורעדן דעם איד, ווייל עס שטייט נאר כי ביקש להדיחך. פונדעסטוועגן קומט זיך אים אזא הארבע עונש, אויב אזוי איז כל שכן אז מדה טובה מרובה, און ווען א איד וויל טון גוטס, אפילו אויב עס געלונגט נישט פונדעסטוועגן איז דאס הימל חשוב און טייער ביז גאר. דער ווארט פון הרב פאם, דערציילט מיר דער איד, האט אים שטארק בארואיגט, איינזעענדיג אז די עיקר איז די כונה, און אויב ער האט זיך אנגעשטרענגט איז דאס גענוג.

יעצט האב איך דערציילט די מעשה פאר דעם יונגערמאן, און פרובירט אים צו מחזק זיין אז וויבאלד ער טוט דאך באמת אלעס גוט, איז דאס אלעס וואס ליגט אויף אים אלס א פליכט פון א טאטע. די איבריגע דארף ער לאזן פאר'ן באשעפער.

א שטיק צייט שפעטער האב איך געטראפן דעם יונגערמאן, און ער איז צוגעקומען מיט א גרויסער שמייכל און זאגט מיר, "איך האב געמיינט אז דו גיבסט מיר בלויז חיזוק, דערווייל איז עס גאר געווען אן עצה צום פראבלעם!" איך האב זיך זייער געוואונדערט דערויף און געפרעגט וואס דאס באדייט. צו מיין ערשטוינונג ענטפערט ער מיר אז זינט איך האב אים אריינגעגעבן דעם געדאנק אין קאפ אז דער מענטש דארף טון וויפיל ער קען און דאס איבריגע לאזן פאר'ן באשעפער, איז אים ממש א שטיין אראפ פון הארץ. ער איז געווארן אסאך רואיגער איבער דעם גאנצן מצב. אויטאמאטיש איז דער מצב אין שטוב געווארן נישט צום דערקענען. עס איז מיר נישט געווען אנגעצויגן ווי ביז דעמאלט. שוין אפגערעדט אז פאר אלע קינדער איז געווארן לייכטער, אבער אפילו אין דעם זון וועלכער האט געגליטשט האט מען אויך געזען א שינוי לטובה. ביז דעמאלט, זאגט מיר דער יונגערמאן, האב איך שטענדיג געשפירט אז עס איז מיין שולד פארוואס מיין זון קוקט אויס אזוי. איינמאל איך האב זיך אוועקגענומען דעם געדאנק פון קאפ, האב איך מער נישט געשפירט אזא דרוק אז איך מוז אים טוישן, און מיין זון האט זיך אינגאנצן געטוישט ב"ה.

הרב ראזענבלום שליט"א דרוקט זיך כסדר אויס, "דער תפקיד פון עלטערן איז צו מחנך זיין די קינדער, די נחת וואס מען באקומט איז שוין א באזונדערע מתנה פון הימל." ווען עלטערן אנערקענען דעם יסוד, ווערט אויטאמאטיש פיל רואיגער און פרייליכער אין שטוב. די אנגעצויגנקייט אז די קינדער "מוזן" געלונגען ווערט פארשוואונדן, און אנשטאט דעם קענען די קינדער בליען אין א רואיגע אטמאספער. מען דארף זיך אריינעמען אין קאפ אז אונזער אויפגאבע איז צו טון וואס מיר קענען, די תוצאות וואס וועלן ארויסקומען איז נאר אין די הענט פון דעם באשעפער. און דאס אליין איז דער בעסטער מיטל צו זען נחת פון די קינדער.










**מנדב צו זיין "חינוך געדאנקען" לעילוי נשמת, לרפואה, לזכות פאר אייער קרובים אדער באקאנטע**

**רופט 718-758-5780 אדער שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com**

**צו באקומען "חינוך געדאנקען" דורך email שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com**